Der Dorchfal

# דער דורכפאל

Voice of Tosher Orthodox Flap

ארגאן פון אומאפהעניגען ארטאדאקסישען דורכפאל אין קרית טאהש

$ 1.00

**פרייזען:**
קרית טאהש........................א לאַך
ערנסטע אידן........................א וויין
און פאר'ן רבי'ן שליט"א – א שטיק געזונט

Thursday, April 21, 2005 | ערשטער באנד - נומ. 3 | בס"ד, דאנערשטאג פרשת אחרי, י"ב ניסן, תשס"ה

## היציגע מיטינג פארגעקומען אין רבי'ס שטוב

פאריגע וואך איז פארגעקומען א פארזאמלונג ווי מען האט געזאלט ארויסשטימען דעם געוועזענעם אויסערן מיניסטער פון די באורד.

ביים מיטינג איז צוזאמענגערופן געווארן די זיבן באורד מעמבערס פון די קהילה, און אויך די אדווייזערס פוןביידע זייטן, און פארשטייט זיך עטליכע לאיערס, וואס דאס האט שטארק צוגעגעבן צום סוקסעס פון די זאך.

למעשה איז נישט צוגעקומען צו דעם וואס די אסיפה איז גערופן געווארן, ווייל איינע פון די צדדים האט געזאגט אז ער וויל א בי"ד, און רוב האבן געשטימט אז מען זאל טאקע גיין צום בי"ד ובתוכם דער רבי זאל זיין געזונט.

באמת טענה'עט ער שוין לאנג אז ער וויל זיך שטעלן פאר א בי"ד, אבער קיינער האט איהם נישט אויסגעהערט, מען האט געדרייט מיט די צינג און מיט אנדערע זאכן און עס איז נישט געקומען דערצו, אבער יעצט האט מען איינגעזען אז יעדער רעכטדענקיגער מענטש האלט אז מען זאל יא גיין, האט מען מיט א שווער הארץ געמוזט אויפגעבן.

במשך די גאנצע מיטינג איז פארגעקומען שרעקליכע געוואלד-טהאטן, ווען איינער פון די אנוועזנדע האט אין די

[פארזעצונג אויף זייט 5]

## א אויסברוך פון ווילדע ראיאטן פארפלייצן די שטאט

פאריגע וואך בעת דער אפוועזנהייט פונעם ראש הממשלה, איז פארגעקומען גאר ווילדע ראיאטן וואו עס איז אויסגעדריקט געווארן דער גרויסער אויפברויז פונעם המון עם אויף די ראטמאן פארטיי.

מאנטאג האבן זיך די טאהש'ע איינוואוינער ערוועקט, זעענדיג פאר זיך איינציגע באסעס אנגעשריבן, מיט אזעלכע סלאגאנען ווי: ראטמאן-היטלער, ראטמאן-רוצח וכו' אויך איז געווארן אנגעשריבן אויפן צוים ארום דעם נייעם שווים-באסיין נעבן אבריכים ענדליכע אויסדריקן.

ווי אויך איז פארגעקומען א פייער ווי עס איז פארברענט געווארן די פארהאנגען ביים רבי'ן אינדערהיים, וואס דער פארהאסטער ראש הממשלה האט געקויפט אויף די געהאלט פון אסאך איינוואוינער פון שטעטל, און מיט דעם אקט איז פראטעסטירט געווארן אויפן ראש הממשלה אויף זיין אומדעהערטע אקט פון גיין איינקויפן אויף יענעמס חשבון זאכן וואס קאסטן אין די וועלט אריין פאר גארנישט און פאר נישט.

גלייכצייטיג איז אויך וואנדאליזירט געווארן די נייע מצה-בעקעריי וואס איז געבויעט

[פארזעצונג אויף זייט 3]

## גרויסער אויפדעקונג איבער משוגע'נע קוה קראנקהייט

דער געזונטהייט דעפארטמענט האט געמאלדן אז נאך לאנגע אויספארשונגען איז מען געקומען צו די איבערצייגונג, אז דער "משוגע'נע קוה קראנקהייט", וואס פלאגט שוין זייער לאנג די פאראייניגטע שטאטן, און ווי אויך די קאנאדישע באפעלקערונג,קומט טאקע פון קאנאדע.

בשעת די גאנצע תקופה וואס דער משוגע'נע קוה קראנקהייט האט געבושעוועט, האט די פאראייניגטע שטאטן פראקלאמירט אז עס קומט פון קאנאדע, און בשעתו האט דאס ארויסגערופן גרויס אויפברויז, ווען מאנכע האבן באהויפטעט אז עס איז א לעכערליכע באשולדיגונג, און זיי האבן עס נאר געטוהן כדי ארויפציווארפן דער שולד פון זיך, אבער יעצט נאך לאנגע אינוועסטיגאציעס, איז מען ארויפגעקומען אז עס קומט טאקע יא פון קאנאדע.

די משוגע'נע קוה קראנקהייט איז א געפערליכע

[פארזעצונג אויף זייט 5]

די רעדאקציע פון "דער דורכפאל", וואונטשט פאר אלע אונזערע ליינער ווי אויך פאר אלע אונזערע "נישט ליינער" און פארן גאנצן שטעטל, און פאר גאנץ כלל ישראל:

**א כשר'ן און פרייליכן פסח!**

א פסח וואס מיר זאלן שוין אלע ווערן אויסגעלייזט פון אלע גלות'ער און קענען גיין אנטקעגן משיח צדקינו מיט רבינו שליט"א בראשינו בבריאות גופא ונהורא מעליא אמן ואמן!

וואונטשט
די רעדאקציע

Der Dorchfal
Voice of Fed-up Orthodox Jewry
דער דורכפאל
Published Weekly, Except When The Alert Is High
ביורא פון רעדאקציע און פארוואלטונג
Address: 392-3 Beth Halevy
Boisbriand Que. J7E-4H4
TEL. (514) 221-2381 FAX: (514) 221-2381
PUBLISHED BY: DER DORECHFAL PUBLICATIONS INC.
העורך אחראי: משה ראטמאן

די מיינונגען וואס ווערן ארויסגעזאגט אין ארטיקלען פון שרייבער אין אונזער צייטונג, ווי אויך בריוו אין דער רעדאקציע, שטעלן נישט מיט זיך פאר די מיינונג פון דער רעדאקציע. מיר טראגן נישט קיין אחריות פאר די כשרות פון ארטיקלען און פראדוקטן וואס ווערט אריינגעלייגט אין אונזער צייטונג, עס איז די ארויסדרוקליכע אחריות פון דעם צרכן אחראי, פאר הערות והדר' זאל מען גיין צו איהם...
עס איז ארויסדרוקליך ערלויבט נאכצודרוקן אדער נאכצוקאפירן א יעדע שטיקל פון דעם צייטונג, אפילו אן געשריבענע ערלויבעניש פון די רעדאקציע.

# אט דא ליגט דער הינט באגראבן

ווי ווייט יעדער ווייסט, איז די קהילה אונטער א מורא'דיגן דרוק צוליב די שווערע חובות וואס וואקסן ווי אויף הייוון, און צוליב די טעגליכע שווערע הוצאות וואס ווערט אויסגעגעבן צוליב וואס מען קען זיך אן דעם נישט באגיין, ווי למשל נייע פארהאנגען הונטערן רבי'ן אין סוכה, ווי אויך אונטערהער אפאראטן און קוקערס (אויגן בלע"ז) וואס דארפן ווערן אינסטאלירט אויף טריט און שריט ועוד ועוד... און קיינער ווייסט נישט וואו איז דער לאך ווי עס רינט ארויס געלט אויף נישט אזוי וויכטיגע זאכן וואס פעלט נישט אויס, מען איז שוין געזעסן ביי צענדליגע אסיפות און מיטינגען, און מען האט נישט געקענט ארויסקריכן פון דעם פלאנטער.

אשר על כן איז געמאלדן געווארן א שטיק צייט צוריק, אז ביי איינע פון די אסיפות, איז איינער פון די גאר קלוגע ראטגעבערס פון די קהילה אויפגעקומען אויפן פראבלעם, וואס ווען דער פראבלעם וועט ווערן געלעזט, וועלן אלע געלט פראבלעמען פארשוואונדן ווערן. נעמליך דער אויבנ-

[פארזעצונג אויף זייט 3]

## עדיטאריעל

# בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל!!!

אחר שבח והודאה לה' און מיט גרויס פרייד אז מיר האבן ב"ה דערגרייכט ביז אהער, און מיט א תפילה אין מויל אויף ווייטער, טוען מיר דא פרעזענטירן פאר אייך דער דריטער נומער פון אונזער אויפגעבאפטער אויסגאבע "דער דורכפאל".

מיר האבן געהאט גרויס הנאה צו הערן פון אונזערע מענטשן אז אונזער אויסגאבע איז ב"ה געווארן זייער אויפגעבאפט און פאפולער אין שטעטל, סיי צווישן דעם אלגעמיינער המון עם, און סיי צווישן אלע ערליכע און גאר חשוב'ע אידן פון שטעטל, און אלע האבן א גרויסער פרייד צו זען אז עס ערשיינט א אויסגאבע וואס זאגט ארויס אן מורא דאס וואס אלע טראכטן און זאגן שטיל, און האבן מורא דאס ארויסצוזאגן אין די עפנטליכקייט.

ווי אויך וואלטן מיר געוואלט נאכאמאל באטאנען, די מטרה פון אונזער אויסגאבע איז נישט זיך צו מישן אין מחלוקת'ער וואס קומען ליידער פאר דא אין שטעטל, וואס דאס איז לעצטנס ליידער א אפטער ערשיינונג, דער מטרה פון אונזער אויסגאבע איז: אז דער עלעמענט וואס האט פארשפרייט זיינע לאפעס און לאזט נישט מנוחה דעם שטעטל און דעם רבי'ן זאל זיין געזונט און שטארק, און קיינער טוט נישט גארנישט, כאטש יעדער פאר זיך האלט אז מען דארף יא טוהן, פארדעם האבן מיר געגרינדעט אונזער אויסגאבע, כדי אונטערצוהאקן זיינע פיס, די וואס ווייסן אויך וואס דא קומט פאר, זאלן אביסל נתעורר ווערן און אנהויבן אריינצוקלערן וואס דא קומט פאר, און איינזען אז מען דארף באצייטנס נעמען שריט אנטקעגן די מלכות הרשעה וואס שטייט אונז אויפן קאפ, און די וואס ווייסן ליידער נישט און זעען נישט איין וואס דא קומט פאר, זאלן האבן א מקור פון וואו צו זען און געוואויר ווערן וואס דא טוט זיך, – פארשטייט זיך אז די וואס ווילן נישט איינזען פאר זיי וועט נישט העלפן די אלע זאכן– מיר האפן צו קענען ווייטער סערווירן דעם ציבור מיט זייערע געברויכן, לויט ווי מיר האבן זיך איבערגעצייגט פון די פעקסעס מיט די מעסעזשעס פון פילע הערות און זייער און גאר פילע חיזוק בריוו מיט מעסעזשעס וואס האבן פארפלייצט די רעדאקציע טיש, און האבן ארויסגעברענגט די נויטווענדיגקייט פון אונזער אויסגאבע, לויט דעם זעען מיר וואספארא געברויך דאס איז פארן ציבור, און אז דאס איז א זאך וואס דער עולם מוז האבן, ע"כ האפן מיר אז מיר וועלן

[פארזעצונג אויף זייט 6]

# גרויס פארשריט ווערט געמאכט אינעם נייעם סקול

א געוואלדיגער אויפטוה אין תשס"ה ממש הפלא ופלא, אז די נייע בית יעקב סקול האט זיך ארויפגעארבייט ביז גאר, עס איז אומגלויבליך אבער א פאקט, ווי ווייט מען איז אנגעקומען, אז היינט צוטאגס איז עס נאך אסאך בעסער ווי אלע סקול'ס אין די וועלט, און בפרט פון די אלטע בית חינוך הישן אין טאהש, דאס הייסט מען לערנט נישט קיין שום אנדערע לימודים חוץ אידיש, מען האט אפגעזאגט אלע לערערינס פון ענגליש-פרענטש, און פון היינט אן גייען די מיידלעך מיט טאהש'ע גארטלעך און דאווענען אויסדריקלעך נאר אין טאהש'ע סידורים, און תיכף נאכדעם שיקט מען אהיים די מיידלעך זיי זאלן העלפן אינדערהיים, ממש א מחי'!

די טאהש'ע איינוואוינער זענען העכסט צופרידן אז עס לוינט נישט מער צו זיכן א שידוך פון די פרעמד, ווייל ווי געזאגט האבן מיר דא ענבי הגפן בענבי הגפן, סיי די בחורים און סיי די מיידלעך גייען אין טאהש'ע גארטלעך און דאווענען אין טאהש'ע סידורים.

אבער עס איז א ביטערער געלעכטער, א סוד פאר גאנץ בראד אז צום סוף ווילן די סטעפ איינפירן צו מאכן א סוף צו די פארקניפטע האר, און אויך אז יעדע צווייטע ווארט וואס מען רעדט זאל זיין ענגליש אדער פרענטש וד"ל.

אויך ביי די בחורים וואס גייען אין טאהש'ע גארטלעך איז עס נאר ביז צו די חתונה ווייל מען איז געצווינגען דערצו, אבער נאכדעם וועט שוין נישט זיין אזוי, קומט דאך אויס אז מען ברויך שוין יא זוכן א שידוך פון די פרעמד כדי דער בחור זאל בויען זיי שטוב מיט די ריכטיגע יסודות פון אידישקייט...

# א אויסברוך פון ווילדע ראיאטן פארפלייצן די שטאט

[פארזעצונג פון זייט 1]

געווארן פאר די פארטיי, נאכדעם וואס די אלטע איז געווארן אומניצבאר - לויט די ווערטער פונעם ראש הממשלה - און מיט דעם איז אויסגעדריקט געווארן דער ווייטאג פון רוב רובם פונעם שטעטל.

תיכף נאכדעם איז געמאלדן געווארן א קריגס-צושטאנד, און איינע פון די ארבייטער פון די פארטיי איז גאר שנעל געגאנגען אויסמעקן די אלע אנגעשרייבעכצער, אויס מורא אז ווען דער איבריגער המון וועט זען וואס דא שטייט געשריבן, וועלן זיי אויסברעכן אין א קאמף וואס וועט זיין גאר שווער דאס איינצושטילן, און טאקע עלתה בידם, עס איז טאקע אויסגעמעקט געווארן מיט א מחיקה גמורה, און דאן איז אראפ א שטיין פון די פארטיי הערצער, אז עס וועט נישט פארקומען קיין געוואלד טהאטן.

ווי אויך איז געשטעלט געווארן א היטער, וואס זאל זיצן ביים נייעם מצה בעקעריי א גאנצע נאכט, כדי זיכער צו מאכן אז עס וועלן זיך נישט איבערשפילן אזוינע שריט.

די אנאליזער שאצן אפ אז די גאנצע זאך איז פארגעקומען, ווייל עס האט זיך גאר שטארק געשפירט די אפוזיציע פונעם ראש הממשלה, און דאס האט געמאכט דעם המון פילן אז מען איז פריי און מען קען טוהן וואס מען וויל, און מען גיבט אויך איבער אז פון היינט און ווייטער וועט דער ראש הממשלה מער נישט אוועקפארן, און ער וועט בלייבן אכטונג געבן אויף זיין שטעטל.

א טייל זאגן גאר אז ער וועט יא אוועקפארן, אבער דאס וועט זיין איינמאל פאר אלעמאל, און מער וועט ער נישט דארפן אוועקפארן.

# אט דא ליגט דער הינט באגראבן

[פארזעצונג פון זייט 2]

דערמאנטער גאר קלוגער איד-ראטגעבער האט אויפגעטראפן, אז דער גאנצער פראבלעם נעמט זיך, פון דעם וואס די קהילה קויפט איין די פיש ביי א היימישן איד וואס דאס קאסט מיט א פאר צענט טייערער, און באלד דערויף האט ער געמאלדן פון א געוויסער געשעפט, וואס דארט קען די קהילה איינקויפן אלע זייערע פיש געברויכן, נאר מען דארף עס אליינס צורעכטן, און מען באקומט עס גאנץ פון וואסער.

באלד נאכן לאזן הערן זיינע ווערטער האט אפגעדינערט היליכע פאטשרייען אין זאַל אויף זיין גאר קלוגער בייפאל, און די קהילה האט אויפן פלאץ באשטעטיגט, אז פון היינט און ווייטער וועט מען טאקע נאר איינקויפן פיש ביי יענעם געשעפט, און מען האט דאס אויך איינגעמאלדן פאר די וואס דארפן דאס וויסן אין ישיבה און אין רבי'נס שטוב.

פארשטייט זיך אז זיי האבן דאס אויפגענומען מיט גרויס פרייד, ס'טייטש זיי וועלן האבן א חלק אין דעם וואס די קהילה וועט יעצט שטיין אויף אייזערנע פיס, און אפילו דאס אז זיי וועלן פון היינט און ווייטער דארפן אליינס דארפן שטיין אויף די פיס און פיצן פיש וכו' דאס האט זיי אויך נישט געשטערט, ווייל זיי האבן דאך מיט דעם א חלק אין די קיום המוסדות, און עס איז זיך פארצושטעלן אז דער איד וואס מען פלעגט ביז דעמאלס איינקויפן ביי איהם, ער איז אויך געווען זייער בשמחה דערויף, צוליב דער אויבנדערמאנטן טעם.

ע"כ האט די קהילה איינגעזען, אז אויך פאר פסח ווען מען איז געוועגדליך מהדר און מען האט שטארקע חומרות אין דעם ענין, אבער וויבאלד עס זענען אין די לעצטע מינוט אויפגעקומע שווערע פסח אויסגאבן, מען האט געדארפט בויען א נייע מצה בעקעריי, ווייל די אלטע איז חמץ'דיג געווארן און מען קען עס מער נישט ניצן, און מען נאך גאר שווערע וואנדאליזם וואס איז דארט פארגעקומען, געדארפט איבערבויען, און באשטעלן א היטער וואס זאל דארט שטיין על המשמר, אויך האט מען געדארפט בויען נייע פארענטשעס וואס פעלט שטארק אויס פארן מעמד, און ווי אויך איז די לעצטע מינוט אריינגעקומען נאך א שווערע הוצאה, מען האט געדארפט ארומשיקן מצות פאר אלע רייכע מענטשן וואס איז נאפה ע"י רבינו שליט"א בהמצה מאפי' החדש, און דאס קאסט ווי פארשטענדליך אפ גאר גרויסע סומעס, און פון דעם דארף מען אפילו נישט רעדן, אז ווי יעדער ווייסט איז פסח אן ענין צו עסן טשייניז-מצות - טשייניז-מרור איז דא א גאנץ יאר, און פון דעם דארף מען ב"ה נישט איינקויפן נאך (שטעלט אייך פאר אז מען דארף איינקויפן נאך לכבוד פסח, גאט זאל באהיטן) - ווי עס האבן זיך שוין געפירט די זיידעס פון טשיינע.

און צוליב די אלע אויסגאבן וואס מיר האבן יעצט אויסגערעכנט, איז מען געקומען צו א באשלוס, אז אויך פאר פסח וועט מען איינקויפן די פיש פארן רבי'נס הויז, ביי א גויאישער געשעפט, און מען האט געמאלדן פאר די וואס וועלן עס דארפן אויספיצן און צומאלן ביים רבי'ן אין שטוב, אבער צום גרויסן וואונדער האבן זי עס נישט

[פארזעצונג אויף זייט 5]

# בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל

# הכונו למערכה!!!

הנה החלטנו באסיפת הרבנים הגאונים שליט"א, לעשות "יום תפילה" להתפלל יחד, לעורר רחמים מן השמים על מצב שלנו, שאנו מוטלים תחת יד שלטון הרשעה המפורסמים, ולעורר רחמים על כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שינצל ושיעלה ממאסר שהוא אסיר תחת הרשעים הארורים,

יעזור ה' שיוציאנו מאפילה לאורה ומשעבוד לגאולה השתא בעגלה ובזמן קריב ב"ב אמן.

## כלנו למערכה!

## לדורון-לתפילה-ולמלחמה

# פרטים יבואו

# גרויסארטיגע "פראטאקאל מיטינג" פארגעקומען מיט א גרויסער פארשפעטיגונג

## קומענדיגער מיטינג געפלאנט אויף 6:15 שארף

פאריגע וואך איז פארגעקומען א גרויסער צומישעניש ווען דער שטעטל איז ארומגענומען געווארן מיט א פורים שטימונג, צוליב דעם וואס אייניגע מענטשן האבן ארויסגעהאנגען א שבת זכור צעטל אין ביהמ"ד.

אויפן צעטל איז געשטאנען באריכטעט וועגן א מיטינג, וואס איז גערופן געווארן צו באהאנדלען דעם פראבלעם וואס האט לעצטנס ארויסגעשפראצט, נאך דעם וואס מען האט אויפגעבויעט נייע דירות פארן היימישן ציבור, און די אלע פיילס וואו עס איז געווען פארשריבן די פונקטליכע אינפארמאציע, ווער עס האט געקויפט א דירה און ווער האט גערינגען, איז מיסטעריעז פארשוואונדן געווארן פון מר. מאסקינס הענט, און ווי יעדער איינער ווייסט איז די דירות אויך נאר אויף פאפיר, און וויבאלד דאס איז פארשוואונדן געווארן, דארף די קהילה פונדאסניי פריש אויפבויען נייע דירות פארן ציבור.

און ביים מיטינג האט מען באהאנדלט נאכאמאל דער גאנצער ענין, און מען האט גלייכצייטיג געשטעלט ממונים וואס צו זיי זאל מען זיך מעלדן וועגן די נייע דירות וואס מען האט נארוואס נאכאמאל אויפגעבויעט מיט א געוואלדיגער שנעלקייט.

גלייכצייטיג איז אבער אויך באוואוסט געווארן אז די מיטינג איז פארגעקומען מיט א שטארקער פארשפעטיגונג, און אנשטאט די געפלאנטער צייט פון 6:15, איז עס גאר פארגעקומען 6:30 צום גרויס ענטוישונג פון אלע פארזאמלטע, און כדי זיכער צו מאכן אז עס וועט מער נישט פארקומען, האט מען אויפן פלאץ ממנה געווען איינעם פון דער פרעמד, וואס ער זאל זען אז פון היינט און ווייטער זאל אלעס זיין אויפן באשטימטן זמן.

אבער א גרויסער אנטוישונג האט ארומגענומען די קהילה, ווען איינער – דער נאמען איז נישט באוואוסט – האט געשאפט צוטריט און געעפנט דעם שאנד-גלאז פון אבריכים, און אריינגעהאנגען דארט א שבת זכור-צעטל, וואס האט געווארפן א נישט גינסטיגער ליכט, אויף די גאנצע אסיפה און עס האט מעורר געווען שטארקע שחוק און לצנות אויפן חשבון פון די קהילה, מען האט באלד אנגעהויבן פארשן ווער עס האט דאס געקענט טוהן, מאנכע שפעקולירן אז דאס האט געמוזט טוהן דער גוי, ווייל ער האט דאס אויפגעהאנגען היבש נאכן שקיעה פון שבת, און ער האט דאס זיכער נישט געטוהן אויפן באפעל פון די קהילה.

## היציגע מיטינג פארגעקומען אין רבי'נס שטוב

[פארזעצונג פון זייט 1]

עפנטליכקייט, ארויפגעלייגט זיין האנט אויפן רבי'נס מויל כדי דער רבי זאל נישט קענען זאגן וואס ער האט געוואלט זאגן, ווי אויך האט איינער בשאט נפש ליצנות געטריבן פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, ווען איינער פון די באטייליגטע האט גערופן דעם רבי'ן באקן מצות - וואס דער רבי פלעגט א יעדע יאר קומען באקן דארט מצות - און יענער עזות פנים האט אריינגעזאגט פארן רבי'ן: "דער רבי זאל איהם זאגן אז ער קומט קוואדער נאך זעקס".

דער המון איז געווארן זייער אויפגעברויזט זענענדיג אין די עפנטליכקייט די וועג וויאזוי מען באהאנדלט דעם רבי'ן, און דאס איז דורך מענטשן וואס זענען שטענדיג חס אויפן רבי'נס כבוד, און זענען תמיד לוחם אנטקעגן די אזויגערופענע מתנגדים און מחוצפים קעגן רבי'ן.

# אט דא ליגט דער הינט באגראבן

[פארזעצונג פון זייט 3]

אויפגענומען מיט אזא גרויסער און אפענער פרייד, תיכף זענען אריבערגעקומען דער ראש הממשלה מיט דער יועץ וואס איז געווען דער ערפינדער פונעם "פיש רעדוקציע-פלאן" און האבן אנגעהויבן שרייען אויף יענעם, און מיט גוטנס און בייזנס יענעם אויפגעקלערט וואסערע געוואלטיגער זכיה מען דארף צו שפירן ארויסצוהעלפן די קהילה, און באלד דערויף איז יענער בארוהיגט געווארן, צום גרויס פרייד פון די אנוועזנדע.

אבער צום גרויס ענטוישונג פון די רעגירונג, איז געמאלדן געווארן אז דער גאנצער "פיש רעדוקציע-פלאן" איז א שטארקער דורכפאל, ווייל אנגעהויבן פון פאריגע וואך דאנערשטאג, האט מען געדארפט דינגען א טראק פאר צוויי דאלער א שעה, און עס זאל זיין אנגעצינדן די גאנצע צייט, און ווי אויך האט מען געדארפט דינגען א פלאץ ווי מען זאל דאס קענען אפמאהלן און ווי אויך צוענדיגן די איבריגע צוגרייטונגען, וואס דאס אלעס האט אפגעקאסט טאפלט און טריפלט ווי דער געווענדלעכער סכום.

און עס איז איבריג צו זאגן און עס דארף אפילו נישט באטאנט ווערן, ווי ווייט נישט ריכטיג זיי גייען, און נישט דורך אויפהערן קויפן ביי א היימישן און גיין צו א גוי ווייל מען שפארט אפאר צענט, נישט דאס וועט אריינברענגען דאס געלט, זיי זאלן נאר אויפהערן מיט די איבריגע שטותים וואס פעלט נאר אויס להגדיל ה"פארטיי", און נאכדעם זאלן זיי שפארן פיש געלט.

# גרויסער אויפדעקונג איבער משוגע'נע קוה קראנקהייט

[פארזעצונג פון זייט 1]

מחלה וואס בוזשעוועט ארום און לויט ווי מען איז געוואויר געווארן קומט עס פון קרית טאהש קאנאדע, און הויפטזעכליך עפעקט עס אויף אומשולדיגע מענטשן, און ביזדערווייל האט מען נאכנישט געהאט אויפגעטראפן א געאייגנטע היילונג דערצו, טראץ די באמיאונגען פון אסאך ספעציאליסטן.

יעצט איז אמעריקע'ס הויפט פארש צענטער אויפגעקומען אויף די שפירן פונעם משוגע'נעם קוה, אז עס געפינט זיך אין קרית טאהש, און פון דא פארשפרייט ער זיינע ווארצלען, און זיי האבן געמאלדן דעם באשלוס, אז מען וועט דעם משוגע'נעם קוה מוזן איינשפארן אין א פארמאכטן שטייג, כדי עס זאל זיך נישט נאכאמאל אויסשפרייטן ח"ו.

פון אומבאזירטע נייעס קוועלער, הערט מען אז מען גרייט שוין צו דעם גרויסארטיגן שטייג, עס איז אבער נאכנישט באקאנט וואו מען וועט דאס מאכן.

דער מטרה פון אונזער אויסגאבע איז:

**"אוס-גבא"**

# עדיטאריעל

## בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל!!!

**[פארזעצונג פון זייט 2]**

ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבייט, מיט די איבערזיכט פון א דעת תורה אויף אלע ארטיקלען וואס ווערן געשריבן דא.

באמת האבן מיר די וואך געהאט א גרויסער ספק ארויסצוגעבן די אויסגאבע, מחמת די פאר פסח טרדות וואס נעמען ארום אלע אידישע שטובער און אזא צייט, און עס איז כמעט נישט מעגליך געווען זיך מצמצם צו זיין און אהערשטעלן די אויסגאבע ווי געהעריג, אבער די פילע מעסעזשעס וואס איז אריינגעלאזט געווארן ביי אונז, האבן זיך ווי געבעטן ביי אונז, אז מיר זאלן יא עפעס מאכן, ע״כ האבן מיר ארויסגעגעבן דעם אויסגאבע אויף א קליינעם פארמאט טראכטנדיג, אז עפעס איז דאך בעסער ווי גארנישט.

גלייכצייטיג ווילן מיר ביי די געלעגנהייט איבערגעבן א מעסעזש פאר די פארטיי פירער, אז טראץ די העסליכע וואנדאליזם וואס איז פארגעקומען די וואך אין א פריוואטער צימער פין איינער פון די איינוואוינער פון שטעטל, וואס מען האט געמאכט דארט א חורבן נורא, און ווי אויך א גרויסער געלט שאדן, וואס דאס איז געווען אויפן סמך פון א חשד אז ער גיבט ארויס די אויסגאבע וואס איר ליינט יעצט, און ווי אויך האבן זיך ארומגעדרייעט שמועות הפורחות באויר, נעמען פון פארשידענע פארשוינען, אז זיי האבן געזאלט ארויסגעבן די אויסגאבע, וואס דאס איז א פראוואקאציע מצד די פארטיי פירער, צו זאגן אז מיר זאלן זיך דערשרעקן און אויפהערן מיט אונזער ארבייט, און זיי האבן געוויזן א דוגמא אז זיי פלאנען צו טוהן ווי זייערע שטענדיגע מעשים, פון וואנדאליזירן און טעראריזירן אויף זייער נוסח, ע״כ ווילן מיר מעלדן פאר די ראטמאן רעזשים און פאר זייערע יוצר משרתיו ואשר משרתיו, אז אונזער צייטונג וועט ווייטער ערשיינען ברוב פאר והדר יעדע וואך צו יעדע צוויי וואכן, אדער ווען עס וועט זיך ערלויבן, מיט אייערע מעשים דאס אפצושטעלן, און מיט אלע אייערע שריט געוואויר צו ווערן אונזערע טריט וועט עס אייך אויך נישט אדורכגעפירט ווערן.

גלייכצייטיג ווילן מיר מעלדן, אז אין ליכט פון די וואנדאליזם וואס איז פארגעקומען וואו אויבנדערמאנט, האבן מיר אנגעהויבן ארבייטן אז מיר זאלן קענען ערשיינען מיט א געהעריגן אידענטיפיצירטן נאמען און נומער, אזוי אז אומשולדיגע זאלן נישט דארפן ליידן צוליב אונז.

און מיט דעם ווילן מיר ענדיגן, יעצט איז דאך די צייט וואס מען איז מבער דעם חמץ, ווילן מיר בעטן אונזער טאטן אין הימל: זיי זיך שוין מרחם אויף אונז, און העלף אונז אז מיר זאלן אויך קענען מבער זיי די חמץ פון אונזער שטעטל, מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פון גלות, מיר זאלן אויסגעלייזט ווערן און אויך אונזער הייליגער רבי זאל זיין געזונט און שטארק וואס ליידט נעבעך אזויפיל צוזאם פאר גארנישט און פאר נישט זאל שוין אויך אויסגעלייזט ווערן, לאמיר זיך דערמאנען אין די ניסים וואס דער אייבישטער האט מיט אונז געטון ווען ער האט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים און ער האט און דעמאלס אויפגעראכטן, בעטן מיר טייערער טאטע: לייז אונז אויך יעצט אויס און רעבט אונז אויף, נעם אונז ארויס פון אונזער פריוואטער גלות און פון אונזער געמיינזאמער גלות, וואס מיר ליידן לליידער פון אידישע קינדער, מיר זאלן שוין קענען תשובה טוהן מיטן גאנצן הארץ, און אויך די אלע וואס פייניגן אונז מיט אונזער היילגן רבי׳ן וואס ער האט דיר געדינט אזוי געטריי אלע יארן און ער דינט דיך נאך אלס מיט מסירות נפש, זיי זאלן שוין אויך תשובה טוהן און זיך ארויסלאזן פון זייערע שררה חלומות, און מיר זאלן זוכה אנטקעגן צו גיין משיח וואס מיר האפן שוין אזוי לאנג אז דו וועסט אונז שיקן, נאך אינעם סדר נאכט.

**בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל!!!**

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען אז אונזער נומער האט זיך געטוישט, און מען וועט קענען אריינלאזן מעסעזשעס, און ווי אויך שיקן פעקסעס אויפן בייגעלייגטן נומער:

**TEL. FAX (713) 583-0830**

מיט דאנק

*די רעדאקציע*